## אין דער אידישער רעליגיעזער וועלט

# „חג הסמיכה" — יום טוב אין ישיבה אוניווערזיטעט

**דער טאָג ווען די ישיבה טיילט צו סמיכה אויף רבנות. — ישיבה באַערט הגאון רבי יוסף דוב סאָלאָווייטשיק, פאַר זיין תורה־ביטראָג צו דער ישיבה. — הרב דר. נחום לאַם, פרעזידענט פון ישיבה אוניווערזיטעט: „וואָס דאַרף זיין די שליחות פון די נייע יונגע רבנים?"**

**פון הרב אהרן בן ציון שורין**

אין די יאָרן, וואָס אַ ישיבה־בחור פאַרברענגט אין לערנען אויפן ישיבה יוניווערסיטי קאַמפּוס, זעט ער, געוויינלעך, אַ סך ישיבה־פייערונגען. ער זעט גראַדויִשאַנס פון ישיבה־קאַלעדזש; פון די פאַרשיידענע ישיבה גראַדויִעיט סקולס ווי די גראַדויִשאַן פון דער איינשטיין מעדיקעל סקול, פון דער קאַרדאָזאָ לאָא־סקול א. אַ.

איך אַליין האָב שוין אויך געזען אַ סך ישיבה'שע שמחות און פייערונגען, פאַר די לעצטע איבער פערציק יאָר, וואָס איך בין פאַרבונדן מיט דער ישיבה, פריער אַלס תלמיד און שפּעטער אַלס לאַנג־יאָריקער פאַקולטעט־מיטגליד פון ישיבה־אוניווערזיטעט (שטערן־קאַלעדזש און פריער ישיבה־קאַלעדזש). און איך ווייס און פיל ווי די תלמידים פון דער ישיבה חלום'ען צו דערוואַרטן דעם טאָג פון זייער גראַדויִשאַן, ווען זיי אַליין, ווי אויך זייערע עלטערן, וועלן ביישיין ביי דער שמחה פון דער גראַדויִשאַן־פייערונג פון זייער קינד און קענען שפּעטער זאָגן מיט שמחה און שטאָלץ: מיין זון, אָדער טאָכטער, האָט גראַדויִרט פון ישיבה־אוניווערזיטעט.

עס שטייען פאַר מיינע אויגן די שטראַלנדע פּנים'ער פון די פריערדיקע ישיבה־פּרעזידענטן, פון הרב דר. דוב רעוועל, ז"ל, און פון הרב דר. שמואל בעלקין ז"ל (פאַר אַ סך יאָרן), ווען זיי האָבן מיט פאָטערלעכער ליבע באַגריסט מיט שמחה די גראַדויִרנדע תלמידים פון דער ישיבה און זיי געוואונטשן אַ סך הצלחה אין זייער לעבן ביים פאַרלאָזן די „כותלי הישיבה" מיט זייער שטענדער, אויף וועלכן זיי האָבן פאַר אַ סך יאָרן געלערנט תורה, ש"ס און פוסקים מיט וועלטלעכער בילדונג. און איצט צו לאַנגע יאָרן, ביז 120, טוט דאָס זעלבע דער איצטיקער פרעזידענט פון דער ישיבה הרב דר. נחום לאַם שליט"א (זינט דעם יאָר 1976 — תשל"ו).

און דערפאַר, ווי איינער וואָס אָבסערווירט פון דער נאָענט די פריידיקע געשעענישן פון דער ישיבה, האָב איך דעם געפיל, אַז די וויכטיקסטע פייערונג אין דער לאַנג־יאָריקער געשיכטע פון ישיבת רבי יצחק אלחנן ישיבה־אוניווערזיטעט, איז שטענדיק געווען און פאַרבליבן דער „חג הסמיכה". דאָס איז דער גרויסער יום־טוב־דיקער טאָג, ווען די ישיבה טוט אָן די קרוין פון רבנות אויף אַ צאָל פון אירע תלמידים, וועלכע האָבן נאָך לאַנגע יאָרן פון לערנען תורה אין דער ישיבה זוכה געווען צו קריגן דעם טיטול רב ביי אידן.

אַ גרויסער אידישער יחוס!

היי־יאָר האָט די ישיבה צוגעטיילט סמיכה אויף רבנות צו 77 יונגעלייט, וואָס אַ טייל פון זיי האָבן שוין היינט רבנות־שטעלעס.

דער טאָג, איין מאָל אין דריי יאָר, ווען די ישיבה טיילט צו די סמיכה צו אירע תלמידים, איז שטענדיק כ"א אדר, וואָס איז דער יאָרצייט־טאָג פון דעם באַרימטן קאָוונער רב, רבי יצחק אלחנן, וועמעס נאָמען די ישיבה טראָגט זינט דעם יאָר תרנ"ו — 1896.

ס'איז אַ טאָג אויף וועלכן עס האָבן לאַנג געוואַרט ניט נאָר דער ישיבה־בחור, זיין טאַטע־מאַמע, באָבע און זיידע, און אַלע אַנדערע קרובים זיינע, נאָר אויך זיינע רביים, די ראשי הישיבה, די וועלכע האָבן מיט אים געלערנט תורה און די וועלכע האָבן אים גייסטיק און תורה'דיק צוגעגרייט צו דעם דערהויבענעם מאָמענט פון ווערן אַ רב ביי אידן, אַ מורה־הוראה בישראל, אין גייסט פון דער אַלטער אידישער טראַדיציע.

ביי דעם היי־יאָריקן חג הסמיכה איז גאָר באַזונדערס אַרויסגעהויבן געוואָרן די ראָלע פון הגאון רבי יוסף דוב סאָלאָווייטשיק שליט"א, דער רבי פון די מערסטע מוסמכים פון דער ישיבה.



הרב דר. נחום לאַם

הרב דר. נחום לאַם, דער איצטיקער נשיא פון דער ישיבה, האָט אין זיין גלענצענדער רעדע צו די מוסמכים, קודם־כל, דערקלערט, אַז פון היינט אָן און ווייטער וועט די „סמיכה־פּראָגראַם" פון דער ישיבה אָנגערופן ווערן אויפן נאָמען פון הרב סאָלאָווייטשיק, וועלכער האָט שוין ביז

(שלוס אויף זייט 37)

מען? נישט געווען ביי וועמען צו בעטן אַן ענטפער אויף אַזאַ

# „חג הסמיכה" – יום טוב אין ישיבה אוניווערזיטעט

פון הרב אהרן בן ציון שורין

(שלוס פון זייט 16)

היינט צוגעטיילט סמיכה צו 1450 תלמידים. מסתמא, די גרעסטע צאָל „סמיכות" וואָס אַ רב האָט ווען עס איז געגעבן.

אויסער דעם איז אין בית־מדרש פון דער ישיבה דעדיקירט געוואָרן אַן ערן־טאָבעלע לכבוד הגאון רבי יוסף דוב הלוי סאָלאָווייטשיק.

הרב לאַם, באַטיטולנדיק הרב סאָלאָווייטשיק אַלס „מורי ורבי", האָט אין קורצע, אָבער שטאַרקע ווערטער גערעדט וועגן דער וועלט־באַרימטער פערזענלעכקייט הגאון רבי יוסף בער סאָלאָווייטשיק און זיין ראָלע אין דער תורה־וועלט, און האָט אים דערביי געוואונטשן אריכת־ימים מיט געזונט עד מאה ועשרים, צו דינען דער ישיבה און כלל ישראל.

ווען הרב לאַם האָט דערקלערט פאַר דעם ריזיקן עולם פון צוויי טויזנט תלמידים און געסט, וואָס האָבן אָנגעפילט דעם פּרעכטיקן לאַמפּאַרט אוידיטאָריום, וועגן דעם כבוד וואָס די ישיבה טיילט צו איר גרויסן רבי'ן, האָט דער גרויסער עולם ספּאָנטאַן זיך אויפגעשטעלט און האָט שטורמיש אַפּלאָדירט דעם גאון שליט"א. מען האָט דאַן געפילט בחוש די גרויסע ליבשאַפט פון די ישיבה־תלמידים, מיט הרב דר. לאַם בראש, צו דעם גרויסן רבי'ן פון דער ישיבה פאַר אַ תקופה פון איבער 40 יאָר.

הרב דר. לאַם, זיך ווענדנדיק דאַן צו די נייע מוסמכים פון דער ישיבה, אויף דער שוועל צו זייער נייער ראָלע אַלס רבנים ביי אידן, האָט אין זיין ברכה צו זיי פאַטערלעך געשילדערט די אמת'ע שליחות פון אַ רב ביי אידן, און וואָס עס דאַרף איצט זיין זייער הויפּט־ציל.

הרב לאַם האָט אין אַ לענגערער רעדע פאָרמולירט די שליחות, מיט פּאַסיקע מאמרי חז"ל, אַז דער עיקר ציל פון די נייע רבנים דאַרף זיין, הויפּטזעכלעך, באַזירט אויף צוויי עיקר'דיקע יסודות:

אויף אהבת התורה און אויף אהבת ישראל.

אַן אמת'ער בן־תורה, האָט הרב לאַם דערקלערט, איז דער וואָס

„אַן אמת'ער בן־תורה טאָר זיך ניט אָפּשליסן אין זיינע „ד' אמות" און זאָגן „שלום עלי נפשי". איך בין צופרידן מיט זיך אַליין. ניין! — האָט הרב לאַם אויסגערופן. אַזאַ „שלום עלי נפשי" איז אסור! און ער האָט שטאַרק באַטאָנט: „די אמת'ע שליחות פון אַ רב אין אונזערע טעג דאַרף זיין „הרבצת התורה". לערנען תורה מיט אידן. מיט אַלע אידן. און מען דאַרף מקרב זיין אַלע אידן צום לערנען. אוודאי דאַרף אַ רב זאָגן דרשות (סוירמאָנס), אָבער וויכטיקער פון אַלץ דאַרף זיין דאָס איינאָרדענען שיעורים מיט אידן. „נאָר לערנען" ברענגט אידן נענטער צו אידישקייט, צו תורה און צו אחריות פון כלל ישראל".

און דער 2טער אַספּעקט האָט הרב לאַם דערקלערט איז: אהבת ישראל. ליב האָב אידן. יעדן אידן. און דאָס האָט הרב לאַם גערופן די נייע יונגע רבנים צו לערנען זיך פון משה רבנו, די גרויסע מאָס פון אהבת ישראל.

יעדער, וואָס האָט געלערנט אַ פרשה חומש, ווייסט וויפיל משה רבנו האָט זיך אָנגעליטן פון די אידן. אידן האָבן כסדר געהאַט טענות צו משה רבנו. אָבער משה רבנו האָט קיינמאָל, פאַר אַיין מאָמענט, ניט איבערגעריסן זיין ליבשאַפט צו די אידן. און אַזוי אַרום, האָט הרב לאַם גערופן די מוסמכים: צו פאַרקניפּן און פאַרבינדן „אהבת התורה" מיט שטאַרקער „אהבת ישראל". אין אַט דעם שטריך, און גייסט, האָט דער ישיבה פירער געזאָגט, באַמיען זיך די רביים פון דער ישיבת רבי יצחק אלחנן איינצופלאַנצן אין זייערע תלמידים פאַרצוזעצן דעם המשך אין דער רבנישער וועלט, אין דער אידישער וועלט.

הרב לאַם האָט נאָך אויך געשילדערט, אַז די ישיבה, מיט איר אָריגינעלן נאָמען „עץ חיים", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1886, אויף דער אַלטער איסט סאַיד פון ניו יאָרק, האָט גענומען פאַר זיך דעם מוסטער פון וואָלאָזשינער ישיבה, וואָס האָט אויך געהאַט דעם נאָמען „עץ חיים".

די וואָלאָזשינער ישיבה, האָט הרב לאַם באַמערקט, איז טאַקע געווען דער „עץ חיים" (דער לעבעדיקער בוים), און די שפּעטע־

אויף אייך: „איר זייט צווייגן פון היסטאָרישן אידישן עץ חיים!" און טראָגט דעם „עץ חיים" מיט שטאָלץ און מיט כבוד, ווי עס פּאַסט פאַר אונזער גרויסן מקום התורה, וועלכער טראָגט די צוויי גרויסע היסטאָרישע נעמען: „עץ חיים" און רבי יצחק אלחנן.

דער נשיא פון דער ישיבה האָט פאַרענדיקט זיין גלענצנדע רעדע צו די מוסמכים מיט אַ האַרציקער ברכה פאַר הצלחה אין לעבן און מיט ברענגען אַ סך נחת צו זייערע פאַמיליעס און טאַקע אויך פאַר דער ישיבה.

איך וויל נאָך אויך דערמאָנען נאָך איניקע נעמען, לויטן סדר, וועלכע האָבן אָנטיילגענומען אין דעם פּרעכטיקן „חג הסמיכה" פּראָגראַם.

דער ערשטער איז געווען הרב עזריאל מילער, סיניאָר וויס־פּרעזידענט פון ישיבה, וועלכער האָט אַלס טשערמאַן אָנגעפירט מיט דעם רייכן פּראָגראַם. הרב מילער, שילדערנדיק די ראָלע פון דער ישיבה, האָט גאָר באַזונדערס באַטאָנט, אַז די מערסטע רבנים היינט צוטאָג אין אַמעריקע זיינען געוועזענע תלמידים פון דער ישיבה.

הרב משה אהרן גאָרדאָן, פּרעזידענט פון „ראַביניק אַלומנאַי" פון ישיבה האָט באַגריסט אין נאָמען פון די ישיבה'שע רבנים און מוסמכים.

הרב זבולון חרל"פ (כאַרלאָפּ) דירעקטאָר פון ישיבת רבי יצחק אלחנן האָט פּרעזענטירט די מוסמכים, פאַרן עולם געסט, אויסרופנדיק יעדן מוסמך ביי זיין נאָמען און האָט דערביי באַגלייט זיי מיט ברכות פאַר הצלחה.

אַ דבר תורה האָט געזאָגט הרב י. ה. גאָלדבערג, אַ רבי פון דזשואיש סטאַדיס פון דזשעימס שטרייער סקול פון ישיבה. און הרב יוסף ראובן וואָלף האָט באַגריסט אין נאָמען פון די מוסמכים. אגב, הרב וואָלף איז שוין אַ רב אין דעם עדת ישראל סענטער פון לאָנג איילאַנד סיטי, נ. י.

ביי דער פייערונג פון „חג הסמיכה" האָט הרב דר. לאַם אויך פּרעזענטירט דעם פּראָמינענטן מעצענאַט פון אידישן חינוך מר. יוסף גראָס, מיטן ישיבה'שן ערשטן „עץ חיים" אַוואָרד אין אָנערקענונג פאַר זיינע לייסטונגען צו דער ישיבה אוניווערזיטעט. מר. גראָס איז אַ מיטגליד פון באָרד און טראַסטיס פון ישיבה זינט 1969. דער נייסטער ביישטייער פון מר. גראָס איז די גרינדונג פון דעם

יסודות:

אויף אהבת התורה און אויף אהבת ישראל.

אַן אמת׳ער בן־תורה, האָט הרב לאָם דערקלערט, איז דער וואָס לערנט אַליין תורה און האָט ליב תורה. און דאָס איז אייגנטלעך די תפילה, וואָס אַ איד זאָגט באַלד אין דער פרי, יעדן אינ־דערפרי: „שתרגילנו בתורתך ודבקנו במצוותיך". לערנען תורה דאַרף זיין דער עיקר פון אידנ׳ס לעבן: „כי הם חיינו ואורך ימינו".

„און מיר, אין דער ישיבה, דערוואַרטן צו זען פון אונזערע מוסמכים־רבנים דעם המשך פון תורה־לערנען, סיי אַליין און סיי מיט אַנדערע אידן". און הרב לאָם האָט פאָרגעזעצט:

חיים".

די וואָלאָזשינער ישיבה, האָט הרב לאַם באַמערקט, איז טאַקע געווען דער „עץ חיים" (דער לע־בעדיקער בוים), און די שפּעטע־רע ישיבות זיינען געווען די צווייגן די ענפים פון „עץ חיים".

די וואָלאָזשינער ישיבה איז גע־ווען באַרימט מיט איר אהבת התורה און מיט איר אהבת יש־ראל. און מיר אין דער ישיבה „עץ חיים — רבי יצחק אלחנן" באַמיען זיך צו זיין אַ צווייג פון דער היסטאָרישער וואָלאָזשינער „עץ חיים" ישיבה. און דערפאַר, האָט הרב לאַם געזאָגט צו די נייע יונגע רבנים: געדענקט די גרויסע אחריות וואָס עס ליגט

ישיבה אוניווערזיטעט. מר. גרוס איז אַ מיטגליד פון באָרד אוו טראָסטיס פון ישיבה זינט 1969. דער נייסטערביישטייער פון מר. גרוס איז די גרינדונג פון דעם „כולל עליון" ביי דער ישיבה.